# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Lider/ Poems

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/18w7q47s

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Mayer Cheretz, Mayer Kherets/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

מאיר חרץ / ישראל

# צוויי לידער

## אויטאָביאָגראַפיש

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן,
דאַרף מען אָפּקומען די שטראָף,
דאַרף מען אָפּקומען דאָס לעבן
ביזן סוף.

שטיי איך אויף פאַר טאָג, נאָך איידער
ס׳האָט דער האָן אַ קריי געטאָן,
און איך לויף אַוועק אין חדר
און איך קום דער... לעצטער אָן.

אַ פאַרסאָפּעטער פון יאָגן
כ׳האָב זיך קוים אַריינגעקוועטשט,
הער איך נישט דעם רבינס זאָגן
און איך כאַפּ די ערשטע פּעטש.

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן
און קיין ברירה איז נישטאָ,
דאַרף מען אויסלעבן דאָס לעבן
ביזן דנאָ.

בין איך הויך, בין אויסגעוואַקסן,
באַלד דערגרייך איך ביזן סטויג,
מעסט דער דאָקטער מיר די אַקסל
און פאַרשרייבט: ער טויג!

שיקט מען מיך צו די סאָלדאַטן
מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ,
שילט מען מיך אין טאַטנס טאַטן
און איך כאַפּ די ערשטע קלעפּ.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן
איז ער גאָרנישט אַזוי זיס,
מוז מען נעמען עס דאָס לעבן
ווי עס איז.

נעם איך עס, ברי אָפּ די פינגער
ביי די לעכלעך פון קלאַרנעט,
זינג איך בעסער, ווער אַ זינגער
אַ פּאָעט.

זינג איך מיר אַ יידיש לידל,
זאָגט דער גוי, איך שילט אים גאָר
און פאַרשיקט מיך ווייט, צו אַל די
ווייסע יאָר.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
מיך געלאָזט אין וואַלד אַליין,
וויל איך נישט אַזאַ מין לעבן
עלנט ווי אַ שטיין.

רייס איך זיך אַרויס פון דאָרטן,
פונעם וויסטן ווילדן וואַלד,
קום איך אָן אין אייגענעם גאָרטן,
בין איך אַלט.

---

גרייטן ט. כ׳האָב אויך שטרודל און אַנ־דער געבעקס וואָס ד׳האָסט ליב. כ׳האָב עס בעכטן געקויפט, ווי נאָר האָסט גע־האָט צוגעשטימט צו קומען אַהיים צו אַ־געגענען דעם ראַביי.

מילטאָן האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו איר, געקוקט אויף אירע בלויע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשטראַלט פרייד, כאָטש זיי זענען געווען שטאַרק פאַרטרערט. ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שפּאַגל נייער פרישקייט אין זיינע אברים. ס׳איז געווען אַזאַ פרישקייט וואָס ער האָט געשפּירט אין זיינע בחורישע יאָרן, ווען ער האָט זי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט איר נאָכגעפאָלגט אין עסצימער אַריין מיט אָן אויפגעלייגט שווייגן, אָבער מיט דרך־ארץ צו איר פאַר נישט פאַרוואָרפן אים איצט זיינע שווערע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר און די קינדער. זי איז אַ ליידי — האָט ער זיך איבערגענומען מיט איר. — זי האָט אַ פאַרגעבנדיקע איידעלע נאַטור.

איך בין אַלט און קראַנק געוואָרן,
ביז איך האָב אַהער דערגרייכט,
בעט איך אויס דעם רעשטל יאָרן
אויף די זאַמדן ווייך.

ירושלים, 18טן אַפּריל, 1980

## יעדע רגע

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך,
ווען דו לעבסט זי אויס.
פון די פּירות ווערן קערלעך,
וואָס דו טריקנסט אויס.

און פאַרזעצסט זיי אין דיין גאָרטן
קערלעך אַלערליי,
איידלסט אויס דערנאָך די סאָרטן
ביימער אין דער ריי.

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך
און זי איז עס ווערט,
פון די טעלער ווערן שערבלעך,
פון די שערבלעך ווידער ערד.

פון די קי מיר האָבן קעלבער,
פון די קעלבער ווידער קי
און סע קומט דער טאָג דער זעלבער
פונקט ווי נעכטן אין דער פרי.

ס'גייט קיין פינטל נישט פאַרלוירן,
נישט קיין מע און נישט קיין מו,
יעדע רגע ווערט געבוירן,
קומט אַ לעבן צו.

ירושלים, 24טער אַפּריל, 1980

חיים קעניגער / פּאַריז

## מיין בליק

מיין בליק וואַנדערט
און ווערט אין גילגולים פאַרענדערט —
אין אַ בוים וואָס בליט,
אין אַ צווייג וואָס זיך וויגט,
אין אַ שאָטן פון אַ פעלזענעם שפּאַלט,
אין געשנערד פון צעבלעטערטן וואַלד.

## מיין האַרץ

מיין האַרץ
ווי אַ בוים איז פול
מיט גראַנאַטן
רויטע ווי בלוט.
צווייגן — אויסגעשטרעקטע הענט —
איר וואָלט מיר העלפן געקענט
אָפּרייסן די גראַנאַטן פון בוים
און זיי זאָלן פאַלן
ביזן סאַמע זוים.